# הושענא רבה תשכ"ה

...ס'איז דאך שוין ידוע, איידער כ'וועל צוקומען צום ענין וועל איך זאגן דאס משל וואס דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאגן אייביג, ער פלעגט זאגן אייביג דאס משל, ווי א מלך קומט אין שטאט אריין, און מ'רופט אויס די כרוזים, דער מלכות קומט היצט אין שטאט אריין, ווער ס'ברויך עפעס קאן גיין היצטערט בעטען און פארלאנגען, ווער ס'האט עפעס געזינדיגט א קעגען מלך קאן זיך גיין היצטערט אויסבעטען אז מ'זאל אים מוחל זיין, קען מען דאך פארשטיין יעדער בר שכל לויפט אקעגען דעם מלך נאך איידער ער קומט אריין אין שטאט אריין, ווער ס'פארשטייט דאס נישט, אבער ווען דער מלך איז שוין אין שטאט און די כרוזים גייען, לויפט ער און פאלט פאר די פיס, **איבערהויפט ווער ס'האט דעם שכל אויך נישט, אז ס'קומט צום סוף, ווען מ'האלט שוין ביים געזעגענען, ווער פאלט נישט אויפן שכל אז ער זאל זיך דעמאלטץ כאטש גיין בעטען, ווען ס'איז דער לעצטער טאג, אם לא עכשיו אימתי.**

**אזוי** איז דאס אויך די זעלבע, פון ר"ח אלול בלאזט מען שופר יעדען טאג, מ'זאגט עורו ישנים משינתכם, אז ס'קומט ר"ה די הייליגע טעג, דרשו את ה' בהמצאו, מ'זאל דעמאלטץ זוכן דעם באשעפער ווען מ'טרעפט אים, אזוי זאגט דער פסוק, דאס זענען די עשי"ת, **נאר אז די טעג גייען דורך איז נאך צייט ביז הושענא**

KolSatmar.com

רבא, הושענא רבא איז דער גמר פונעם חותם, אזוי ווי מ'זאגט ברי׳ לבב מאתמול קדמנוך, אבער אז מ'האט דורך געלאזט די אלע טעג, מורי ורבותי! ס'איז דורך געגאנגען ר"ה עשי"ת, און דער הייליגער טאג, מיט די אלע ימי סוכות, דאס זענען די ימי הרצון סוכות, ווען מ'גייט מיטען אתרוג מיטען לולב, די חכז"ל האבן געזאגט ולקחתם לכם ביום הראשון, אזוי ווי די חכז"ל זאגן אין די גמרא בזכות ראשון אני פורע לכם מן הראשון, פון עשו'ן וכו', ואני נגלה לכם בראשון, ובונה לכם את ביהמ"ק וואס ווערט אנגערופן ראשון, מרום מראשון, און דער מלך המשיח ווערט אויך אנגערופן ראשון לציון הנה הוא בא, זאגט דער מדרש אינעם זכות פונעם אתרוג ולקחתם לכם ביום הראשון, מיטען כח פון אתרוג מיטען לולב מיט די ארבע מינים, קען מען זוכה זיין צו די אלע ראשון וואס די גמרא רעכינט אויס אויף ראשון, און ווי דער מדרש רעכנט אויס, און די גמרא פסחים (דף ה') איז עס בקיצור און אין מדרש איז עס מער באריכות.

**אפשר** איז דאס דער פשט, ולקחתם לכם ביום הראשון וכו' לחשבון עוונות, ווען מ'האב מיר דעם אתרוג מיטען לולב, אזוי ווי דער מדרש זאגט דאס משל, אז מ'האט א משפט און מ'ווייסט נישט ווער ס'גייט ארויס דער מנצח, אז ער גוט א סימן אין די הענד אריין, א גושפנקא דמלכא, איז א סימן דידן נצח, אזוי איז דער אתרוג מיטען לולב, נעימות בימינך נצח, אז מ'גייט ארויס מיטן אתרוג און מיטן לולב איז א סימן אז מ'האט מנצח געווען, אבער מורי ורבותי! לאמיר זיך בארעכענען, יעדעם יאר גייט מען מיט א אתרוג און מיט א לולב, און ווי איז אונזער נצחון, די חכמז"ל האבן געזאגט די אתרוג מיטען לולב ווייזט אז מ'האט מנצח געווען, בעוה"ר מ'איז אליך דארט ווי מ'איז געווען, בעוה"ר ביז היינט איז מען אליך געווען א מנוצח פון די כוחות היצר און פון כוחות הטומאה, פון כח פון די אוה"ע, וואס איז דער תירוץ, דער

KolSatmar.com

תירוץ איז מסתמא האט מען אזויפיל עוונות און דאס איז מעכב, דאס איז אמאל זעכער אמת אז דער אתרוג מיטען לולב ווייזט אויפן נצחון, דאס מוז זיין דער פשט פון דעם מדרש, ער פרעגט (וכי ראשון הוא) אבער די קשיא איז דאך נישט אזוי קשה ווייל מ'קאן דאך זאגן אז ער זאגט ראשון, ווייל מיט דעם איז מען זוכה צו די אלע ראשון וואס די חז"ל זאגן, צו ביאת המשיח און צום מקום המקדש, איז דאך אבער א קשיא, פארוואס זעהט מען נישט פון דעם ראשון, אלא מאי איז דא א חשבון עוונות, איבערדעם איז מען זעהט נישט, אלא מאי איז דא א חשבון עוונות וואס עס האלט צוריק, מ'זעהט עס נישט, אז מ'רעכנט אבער אזעלכע זאכן וואס איז נישטא איצט, מ'האט נישט גארנישט, עכ"פ דארף מען זיך בארעכענען, לאמיר שוין זעהן קלאר, אז מ'וועט גיין מיטן אמת'דיגן ראשון, דאס איז ראשון לחשבון עונות.

**די** גמרא זאגט, אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או בדור שכולו חייב, די גמרא לערינט ארויס פון די פסוקים, די נבואה האט געוויזען אז ס'וועט זיין אחישנה, דאס איז נאר ביי זכו, וועט זיין כלו זכאי, חלילה אז ס'איז בעתה, מ'האט נישט קיין זכותים און דער אורך הגלות וועט ברענגען א דור שכולו חייב, מ'מיינט נישט חלילה כולו חייב, אז ח"ו ס'איז נישט דא קיין יודישקייט, די גמרא זאגט דאס איז נישט פארהאנדן כי לא תשכח מפי זרעו, דער "כל", קודם לאמיר פארשטיין וואס כל איז, כל איז טייטש א רוב אזוי ווי דער טו"ז זאגט (סימן תקפ"ב סק"ג), כולו חייב און עס שטייט נישט צוויי מאל, דאס קען זיין א רוב, אבער אפילו קען זיין אז יעדערער, די שומרי תורה ומצוות אפילו די וואס זענען יא זכאין, האט מען נישט גענוג זכותים צו ברענגען די גאולה, אז ס'קומט צו דער פראגע איז מען בעוה"ר כולו חייב, ס'איז נישט דא אזוי פיל זכותים, ס'איז נישט דא.

KolSatmar.com

**נאר** וואס כ'האב גערעכנט, דער כלל איז דאך אלו ואלו דברי אלקים חיים, כולו זכאי און כולו חייב, כ'האב געזאגט די גמרא זאגט (ר"ה ל"ב) מ'זאגט נישט קיין הלל בר"ה און ביוה"כ ווייל ספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו ואתם אומרים שירה, לכאורה דאס אז ספרי חיים איז פתוחין לפניו, אז ס'איז נישט דא די וואס זיי האבן געזינדיגט קען מען נאך זאגן שירה, דער פעלער איז נאר וועגן ספרי מתים, פארוואס דארף ער זאגן ביידע, זאל ער זאגן ספרי מתים פתוחין לפניו ואתם אומרים שירה, פארוואס זאגט ער ספרי חיים וספרי מתים, פארוואס זאגט ער די ביידע.

**עס** קען זיין לאמיר זעהן, ס'שטייט אין מדרש אויף אסאך פלעצער, ס'איז פיל אלע מדרשים, אז משה רבינו האט נישט געקאנט קומען קיין ארץ ישראל, ער האט געמוזט בלייבען דארטן אין די מדבר, דער בוכ"ע האט אים געזאגט ווען די וועסט דארט זיין בזכותך וועלען זיי אלע אויפשטיין תחיית המתים, אז די וועסט זיין דארטען, אז די וועסט דארט נישט זיין מוזן זיי דארט בלייבען, כי שם חלקת מחוקק ספון, דארט ווערסטו מוזן זיין, זאגט דער בוכ"ע ווייל ויתא ראשי עם, די ווערסט מיט נעמען פונעם פאלק, דאס דור המדבר, דער פרשת דרכים איז דערויף מפלפל, ער זאגט אזעלכע וואס זענען נישט ראוי אויף תחה"מ, און דורך דעם פון דעסטוועגען ווייל ער ליגט דארטן, מאי אהני ליה זכותיה, פירט ער אויס, אז די שבועה איז געווען אם יבואון אל מנוחתי, דער דין איז אז מ'זאגט קונם לביתך (אם נפל וחזר ובנאו מותר ליכנס דכיון דנפל אזדא ליה, ומבואר במדרש דאלמלי נכנס משה לא"י) . . . האט דאס ביהמ"ק נישט געקענט חרוב ווערען, עס איז געווען די זעלבע מנוחה איז חל די שבועה, אז משה רבינו איז נישט געקומען קיין ארץ ישראל איז עס חרוב געווארן דאס ביהמ"ק, איז עס שוין אן אנדערע בית המקדש, איז עס מנוחה אחרת איז נישטא די שבועה, אזוי פירט ער אויס, זיי ברענגען אלע וואס ער טוט אויף.

KolSatmar.com

**דער** אמת הגם די זאך אליין פאר זיך איז ראוויין הדברים למי שאמרן, אבער ס׳האלט נישט אויס אין די גמרא אין דברי חכז"ל, ס׳איז דא אויף עטליכע פלעצער אין מדרש וואס דארט שטייט דאס גאנצע, ס׳איז דא א מדרש רבה און אזוי אין ילקוט דא אויפן ארט שטייט עס גאר מיט אזא לשון, ער זאגט צו א משל איינער האט פארלוירען מעותיו, ער האט פארלוירען געלט אין א מקום חושך, האט ער געזאגט איך האב פארלוירן מיין געלט (ואין בריה משגיח עליו, ואמר) לאמיר אריינלייגען זהב, ס׳איז א טייערע זאך, האט ער געזאגט פארדעם פאר דעם זהב איז דאך שוין יא כדאי, וועט מען קומען מיט א נר, אז מ׳וועט שוין קומען מיט א נר וועגען דעם זהב, וועט מען שוין אויף קלויבען דאס גאנצע, דאס זעלבע זאגט ער אז משה רבינו וועט דארט זיין, פון זיינעט וועגען אליין וועלען זיי אלע מיט גיין, זעהט אויס אז ס׳איז נישט געווענט אין דעם וועגען ביהמ"ק (שיחרב) נאר טאקע דארט אליין, זיי האבן געהאט א חשבון אז דורך זיי, וועגען זיי אליין ווען נישט משה רבינו וועלען זיי נישט אויפשטיין תחיית המתים, הגם דאס ענין איז א פלא, כ׳וועל שוין באלד שמועסען, דערנאך אין די גמרא אליין האלט עס נישט אויס, אין די גמרא (סנהדרין ק"י) איז דאך די פלוגתא (אם השבועה קיימת), די פלוגתא איז דאך שוין געווען אויכעט שוין נאכן (חורבן), דער זמן הגמרא איז שוין נאכן בית שני געווען, מ׳קאן דאס נישט זאגן אז די פלוגתא איז אויף יענעם (בית ראשון), און די וואס זאגן אז זיי וועלען יא קומען, זאגן זיי דעם פשט, אשר נשבעתי והדרא בי, זאגט די גמרא ער האט חרטה געהאט, מ׳האט אים מתיר געווען די שבועה, כ׳האב געשוואוירען והדרא בי, ס׳איז נאר געווען באפי, ס׳איז נישט געווען קיין ערענסטע שבועה, מ׳האט מתיר געווען די שבועה, זאגט ער דאך בפירוש אז נישט וועגען שנחרב הבית ובטל השבועה, און דער וואס ער זאגט אז ניין איז דאך אויך שוין געווען דערנאך, נישט אויפן בית

KolSatmar.com

ראשון, ביים בית ראשון האט מען דאך שוין געזעהן אז זיי זענען נישטא.

**[מכאן ועד פיסקא "ונראה לי" בעמוד הבא, אינו מובן כ"כ על הטעיפ, והעתקנו קצת בלה"ק]**

**אבער** דאס ענין פאר זיך אליין איז דאך א דבר הפלא ופלא, ווי איז דען דא נאך אזא דור ווי דער דעה, דאס דור המדבר שטייט דאך אין דברי חז"ל און אין זוה"ק איבערהויפט, אז אזוי דור וועט נישט זיין ביז משיח וועט קומען, זיי האבן געלערנט אין די מתיבתא דרקיע ביי משה רבינו, זיי האבן געהערט מפי הגבורה, דער פרקי דר' אליעזר זאגט, די וואס זיי האבן געהערט אנכי ולא יהיה לך לא שלטה בהם רמה ותולעה ולא ראו קרי מימיהם, ער רעכינט דאך אויס וואס ס'איז אלץ געווען, די גמרא אליין פירט דאך אויס, א ראיה אז זיי וועלען קומען, עס שטייט וזכרתי לך חסד נעוריך, אחרים באים בזכותם, די גאנצע וועלט און דאס כלל ישראל (הן עצמן לא כ"ש), די גמרא זאגט וזכרתי להם חסד נעוריך, אין דעם זכות וואס יודן זענען נאך געגאנגען אין די מדבר - איך אפשר לחשבו על דור כזה שהכל יעמדו לתחיה בר מהם, ולולא זכותו של מרע"ה שנשאר אצלם לא יקומו אתמהה.

**רק** אני חושב שמונח עוד כוונה בזה, דידוע שהיה תרי גווני תחיית המתים, והצדיקים הגדולים יעמדו תיכף בביאת המשיח עוד לפני הזמן תחיית המתים הכללי, וכן כל אותן שנהרגו ע"י חבלי משיח רח"ל ג"כ יקומו ויבואו אז ואיתא במד"ר סוף פ' עקב שאמר הבוכ"ע למשה כשם שנתת את נפשך עליהם בעוה"ז כך כשאביא לכם את אליהו הנביא שניכם באין כאחת, ובגמרא (עירובין מ"ג) א' הריני נזיר ביום שבן דוד בא מותר לשתות יין בשבתות ובימים טובים דמקודם יבוא אלי' ומשה רבינו עמו, ולפי"ז אתי שפיר שבשבילם הוצרך משרע"ה לישראל במדבר דהנה אז בעת תחה"מ הראשון אפשר דבאמת לא היו ראויין לקום עם משה ואהרן, אבל הבוכ"ע רצה שגם הם יעמדו תיכף לתחיה עוד טרם הזמן של תחה"מ הכללי, לכן הוצרך משרע"ה לישאר שם במדבר כדי שיביאם עמו אז בזכותו.

KolSatmar.com

(**ונראה** לי דאף שהוא זכות גם להם, אמנם כ"ז הוא נחוץ מאד גם בעדינו) - אונז ברויך מיר עס נייטיג, מיט וואס פאר א פנים וועל מיר אונז מקבל זיין פני משיח צדקינו, מ'ווייס מיר דאך וויאזוי מ'זעה מיר אויס, מ'איז אין אזא דור שכולו חייב, אבער ווען אלי' הנביא וועט קומען וועט אויפשטיין דאס דור המדבר, די זענען דאך יא א דור שכולו זכאי, איבערהויפט איצטערט אפילו וואס ס'איז געווען עפעס א פגם איז דאך דער יום המיתה מכפר, ווען דאס דור וועט אויפשטיין וועט זיין א דור שכולו זכאי, איבערדעם אז משיח וועט קומען וועט ער האבן פאר זיך צוויי דורות, א דור שכולו חייב און א דור שכולו זכאי, אז אונז וועל מיר זיך - אין זייער זכות - וועל מיר זיך אונז דערהאלטען, מ'זאל מיר דאס דערלעבען און די זכיה האבן צו זעהן, אז מ'וועט דערזעהן דאס דור המדבר וואס זיי האבן געהערט אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה, תחת אבותיך יהיה בניך, וועל מיר זיך האבן מיט וועמען משתעשע צו זיין, ווער קאן דען משיג ומשער צו זיין דאס גרויסע התעוררות וואס וועט דעמאלטץ זיין, מ'דארף זיך נאר גרייטען אז אונז זאל מיר זוכה זיין דערצו.

**מיט** דעם קאן זיין, כ'האב מיר דעם ר"ה געשטעלט, שטייט דער פסוק זאגט, ונשארתם מתי מספר "תחת" אשר הייתם ככוכבי השמים לרוב, לכאורה איז דאס דען שטאץ וואס ס'פעלט, מ'איז דאך געבליבען מתי מספר, רש"י זאגט עה"פ ויעלהו לעולה תחת בנו, פארוואס שטייט תחת בנו, ויעלהו לעולה, זאגט ער ניין, ווייל ער האט געזאגט ביי יעדע זאך אז ער האט געשפריצט דאס בלוט פונעם איל, שתהא כדם בנו, ער האט מקריב געווען תחת ס'איז געווען אלעס תחת, עכ"פ זעהט מען דאך אז ס'שטייט תחת מוז מען עפעס פארענטפערן וואס א שייכות האט דאס, פארוואס זאגט מען עפעס אונז זעמיר געבליבען מתי מספר "תחת".

KolSatmar.com

**עס** דאכט זיך מיר איצטערט, כ'האב שוין ר"ה געזאגט, וועל איך דא נאך זאגן וואס כ'האב געזאגט ר"ה, נאך דעם וועל איך צוקומען צו דעם וואס איך וויל איצט זאגן, כ'האב ר"ה געזאגט אויף צוויי אופנים, אז דער פסוק זאגט, ער זאגט אהן אין די תוכחה, אלעס וואס ער האט געזאגט זאגט ער דברי תוכחה פאר יודן, מ'זעהט די דורות ריקען זיך, אמאל קאן מען זיך ארויסנעמען א מוסר, מ'זאל זעהן דאס גרויסע אחריות וואס ס'ליגט אויף אונז אין די לעצטע דורות, ס'איז אמאל געווען א דור ווען יודן זענען געווען ככוכבי השמים לרוב, קען מען פארשטיין ... ששים רבוא יודן, אפילו אין אונזערע דורות אין פריערדיגען דור וויפיל רבבות יודן זענען געווען וואס זיי האבן איינגעריסען אין די הייליגע טעג, וויפיל רבבות יודן זענען זיך צוזאם געקומען ר"ה און יום כיפור און הושענא רבא, און אעפי"כ ווי שווער ס'איז געגאנגען, אז מ'זעהט נעבעך וואס איז געווארן, בעוה"ר וואסערע יארן האב מיר מיטגעמאכט, ווי אזוי קאן איך זאגן ...

דער כלל איז דאך אינו דומה מועטין העושין למרובין העושין, היינט האט מען ארויף געווארפן אויף אונז, אזא קליין ביסעלע יודן, וויפיל איז דען דא, וויפיל יודן איז נאך דא אויף דער וועלט וואס ווייסען גארנישט פון צו קומען אין די בתי כנסיות און די בתי מדרשות, מ'זאל זוכן אפילו א שטיקעל אמת פארן בוכ"ע, און מ'זאל זיך וויסען ווי אזוי צו בעטען ביים באשעפער, דער אמת איז די ישועה וועט דאך דאך זיין, ליגט אויף אונז אן אחריות, אויף דעם ביסעלע יודן במתי מספר, הגם מ'איז אין שפלות, מ'איז במתי מספר, עס שטייט גאר ביי קבלת התורה אויב עס וואלט ווען געפעלט איינער פון די ששים רבוא וואלט מען נישט געקענט צוקומען צו קבלת התורה, דאס איז א מספר וואס ס'ברויך צו זיין, אבער אין דעם שפלות איז טאקע נאר דא מתי מספר, האט דער פסוק געזאגט, עטץ זאלטץ וויסען ונשארתם מתי מספר, עטץ

KolSatmar.com

זאלטיך וויסען ס'ליגט אויף ענק אן אחריות, דאס ביסעלע יודן ברויכן אויפטוהן דאס וואס יודן זענען דארט געווען ככוכבי השמים לרוב, אלע עולמות האט מען בוקע רקיעים געווען מיט זייערע תפלות, מיט זייער עבודה, וויפיל יודישע טרערן איז פארגאסען געווארן אין אזא הייליגען טאג דארף מען וויסען דאס אלעס ליגט אויף אונז נאר אביסעלע יודן וויפיל מ'איז דא אויף דער וועלט, זאגט דער פסוק ונשארתם מתי מספר "תחת" אשר הייתם ככוכבי השמים לרוב.

**און** אפשר לעולם אין די דברי תוכחה ליגט דאך ברכות, ס'איז דא א הבטחה פונעם בוכ"ע, אז מ'זאל אבער נישט פאלען ביי זיך איינגאנצען, דער בוכ"ע האט געזאגט מ'וועט טאקע בלייבען במתי מספר, וועט עטץ זיין תחת הייתם ככוכבי השמים לרוב, און מיט גרויס רחמנות וואס כביכול דער בורא עולם האט אויף דעם ביסעלע יודן, קאן מען דאס אויפטוהן וואס יודן האבן אויפגעטוהן ווען יודן זענען געווען ככוכבי השמים לרוב.

**און** לויט ווי מ'האמיר דא געשמועסט, אז דאס דור המדבר שטייט נאר אויף מיט משה רבינו, דער מדרש זאגט לא יגרע מצדיק עיניו, אין עיניו אלא תחתיו ואין תחתיו אלא בניו שנאמר תחת אבותיך יהיו בניך, לכאורה דער גאנצער כלל ישראל זענען דאך די קינדער פון דעם דור המדבר, פון די ששים רבוא יודן וואס זיי האבן מקבל געווען די תורה הקדושה, אויף דעם האט דער בוכ"ע געזאגט אז מ'וועט טאקע בלייבען במתי מספר, מ'וועט אבער זיין אונטער זיי, אז דער אייבירשטער וועט העלפן דאס ביסעל יודן, אז מ'וועט דערלעבען משיח'ן וועט מען זוכה זיין צו דעם טאג פון ביאת אלי', וועלן דאך מיט קומען דאס דור המדבר, וועל מיר זיך אלע ארינטערווארפען תחת חסותן, אחרים באים בזכותם, אז דער בוכ"ע זאגט וזכרתי לך חסד נעוריך, דאס זאגט מען פאר דעם דור, אז דער בוכ"ע

KolSatmar.com

וועט גערענקען, פאר דעם דור וואס ברויכען געהאלפן צו ווערען בדורו של משיח וועט מען גערענקען די אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר, איבערדעם זאגט דער פסוק, מ׳זאל נישט פאלען ביי זיך, אז ס׳וועט קומען די צייט עס זאל קומען אליהו, וועט מען אהערברענגען דאס דור המדבר, וועל מיר זיך מחבר זיין מיט די קדושים, ממילא וועט מען זיין תחת, ואין תחתיו אלא בניו, מ׳זעמיר דאך אלע פון זייערע דורות, מ׳האט דאך אויף דעם דור געזאגט זכרתי לך חסד נעוריך, ווייל דאס שטאמט פון זיי, ממילא וועט זיין, איבערדעם דא קומט מען נישט מיט אונזער כח, נאר דער שטאטץ דעם, מיט דעם כח ווען די יודן זענען געווען ככוכבי השמים לרוב.

**איבערדעם** ממילא וועט זיין צוויי דורות, דאס קאן זיין איז דער פשט, ספרי החיים וספרי המתים פתוחים לפניו, אז ס׳איז דא זכותים אין דור, קאן מען בלייבען לעבען אין די זכותים, אין די אייגענע זכותים, ווען מ׳איז נישט ראוי מוז מען צו האבן די זכות פון די מתים . . . זאגט דוד המלך זכרה . . . אין דעם זכות פון די וואס זענען בעולם העליון, און חוץ דאס וואס דאס דור המדבר וואס זיי דארפען אויך צו שטיין, איבערדעם זאגט ער, רופט ער אן מתים, אפילו ס׳איז דער גמר דין, נאר תשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה, דאס קען זיין איז דער פשט, ספרי החיים וספרי המתים, אז די וואס זיי וועלען בלייבען לעבען דאס איז פון כח פון די וואס איז כבר מתו, מ׳האט נישט קיין כח פון די פריערדיגע דורות, דאס וואס מ׳האט אזויפיל געליטען פון חבלי משיח, אונז האב מיר געהאט אזעלכע ביטערע יארן, מ׳האב מיר פארלוירען פונעם כלל ישראל מסלתה ומשמנה, אונז זעמער געבליבען ערום ויחף, מ׳האט זיך נישט אין וואס אנצוכאפן, איבערדעם אז מ׳איז דן די ספרי החיים און אזוי ווי מ׳האט פריער געזאגט די ספרי המתים, מ׳זאל אויף מישען די זכותים פון די פריערדיגע וואס זענען שוין נישטא אויף דעם עולם,

KolSatmar.com

בזכותם אנו חיים, איבערדעם די גמרא (ברכות י׳) זאגט הנה לשלום מר לי, אז מ׳איז תולה בזכות אחרים מ׳האט נישט קיין זכותים.

**אבער** אפשר איז דער פשט ספרי החיים וספרי המתים, אז דער אייבירשטער וועט העלפן ס׳וועט זיין די ישועה שלימה, האב איך שוין געזאגט אז ס׳וועט קומען משה רבינו און מיטקומען דאס דור המדבר, לכאורה קומט אויס ווען מ׳זאל אונז פארשרייבען די גאולה וועלען די אלע מתים, קומען זיי אריין אין די ספרי חיים, ספרי החיים וספרי המתים גייט ארויף אויף זיי, אשר כבר מתו, מ׳עפינט אויף די ספרים צו מ׳זאל דאס יאר זיי ארייננשטעלען אין ספר החיים.

**מורי ורבותי! לאמיר נישט פארפאסען די צייט מ׳זאל וויסען איצט איז א גמר חתימה דעם היינטיגען טאג,** טאקע אויף יעדען עקסטער איז דער גמר החתימה ברוחניות ובגשמיות, עקסטער דעם איז דער גמר חתימה אויף די וואס זענען שוין בעולם העליון, די אלע וואס מ׳האמיר פארלארן אין די לעצטע יארן, אז ס׳וועט זיין די גאולה וועלען די אלע איצט אויפשטיין, די אלע איז מען דן צו מ׳זאל זיי געבען אין ספרי החיים, היינט ווערען ג׳חתמ׳ט די אלע ספרים! מורי ורבותי! דער אייבירשטער האט אונז געהאלפן, מ׳קען מיר זיך נאך צוזאם קומען אין א ביהמ״ד, ווער ווייסט, ווער ווייסט דען ווער ס׳וועט איבער א יאר קענען קומען אין בית המדרש, ווער ס׳וועט קאנען קומען צווישען יודן, לאמיר אויף זיך מקבל זיין באמת דעם עול מלכות שמים, לאמיר נישט אוועק גיין מיט גארנישט, דאס אלעם איז נישט קיין גוזמות, דער אייבירשטער זאל העלפן בביאת המשיח וועל מיר דאך צוריק זעהן די אלע צדיקים וואס מ׳האמיר פארלארן, לאמיר נישט אוועק גיין מיט גארנישט.

KolSatmar.com

**בעוה"ר** דאס הארץ טוט וויי, אז ס'זאל אזוינס פאסירען אז איך ברויך מיך שטעלען זאגן פאר יודן, איך ווייס דעם אמת ווי אזוי איך זעה אויס, ס'איז אמאל געווען צדיקים אמיתיים זיי האבן געקאנט מחזיר בתשובה זיין, אויפהייבען דאס דור, אונז זעמער אין אזא שפלות, דער טאטע זכרונו לברכה האט אמאל געזאגט ביי א גילעגנהייט ביי אן אסיפה, ער האט צוזאם גערופן אסאך גדולי ישראל, האט ער געזאגט אין די פתיחה, ס'איז שווער א קשיא ווי קומסטו עפעס צוזאם צו רופן אזוי פיל גדולי ישראל האט ער געזאגט א משל, ס'איז דא א שמש וואס גייט ארום אין די גאס, ערגעץ אז ער זעהט אז ס'איז דא א פייער, ער זעהט ס'ברענט, לויפט ער אויפוועקען אלע ראשי הקהילה, שטייט אויף פונעם שלאף, ס'ברענט! וועט מען פרעגען א קשיא, די ביסט א שמש, ווי קומסטו אונז אויף צו וועקען די ראשי קהילה, האט ער געזאגט איך בין טאקע נאר א שמש, אז איך זעה אבער ס'ברענט מוז איך אויפוועקען, ווער אויב ער שטייט נישט אויף, דער ח"ו ווערט פארברענט, ס'איז נישטא קיין תירוץ, מ'האט נישט געפאלגט דעם שמש.

**מורי** ורבותי! איך ווייס ווי ווייט אלע קוקן, ווי קום איך ענק צו זאגן אין אזא הייליגען טאג, נאר מ'קוקט אבער ס'ברענט, ווי קאן מען שווייגען, חשכנו מלהט היום הבא, אוי וויי ס'גייט דורך אזויפיל דינים קשים, מ'איז דן דעם כלל ישראל און דאס פרטיות, לאמיר לעשען דאס פייער, מיט וואס קען מען לעשען, נאר מיט אמת'דיגע טרערן, מיט יודישע טרערן קען מען לעשען, דער בוכ"ע זאל אויף אונז רחמנות האבן, כשיעזור השי"ת ויהיה ביאת אלי' און מ'וועל מיר האבן די זכיה צו בלייבען וועל מיר אוודאי געהאלפן ווערען, נאר מ'ברויך סייעתא דשמיא, עס וועט דאך זיין א בירור, אבער קודם ביז דערווייל נאך איידער דאס קען מען נישט האבן נאר דארעכן בוכ"ע, למעני אעשה, בזכות זה

KolSatmar.com

יודן זאלן זוכה זיין צו ביאת אלי', **בעוה"ר מ'האמיר נישט קיין זכותים, נאר דער בוכ"ע האט מבטיח געווען למעני אעשה, אפי' מ'זעמיר א דור שכולו חייב**, ואביט כי אין עוזר ואשתומם כי אין סומך, פארוואס דארף ער לכאורה די הקדמה, נאר טאקע פאר דעם אליין, **דער בוכ"ע האט געזאגט, אז ער קוקט אהן דאס דור, ס'איז נישטא ווער זאל אויפהייבען דאס דור, דורך דעם רחמנות אליין וועט אונז דער בורא עולם העלפן למעני אעשה.**

**איבערדעם** זאגט מען צוויי מאל, מ'זאגט קודם למענך אלקינו, איבערדעם, און דערנאכדעם מ'וועט שיקען אליהו'ן ממילא וועלען יודן תשובה טון וועט שוין זיין דאס דור המדבר, דערנאך דעם וועל מיר שוין גרינגער געהאלפן ווערען, אבער דעמאלטץ דארף מען אבער מיר האבן נאכאמאל א ישועה, איז דאס נאכאמאל הושענא, דער כלל איז נתון תתן אפילו מאה פעמים, מ'ברויך כסדר ישועות, ביז דערווייל א ישועה, און שפעטער נאך ווייטער, איבערדעם שטייט צוויי מאל, איבערדעם איז הושענא "רבא", אז מ'זאל האבן אסאך ישועות דארף מען היינט מעורר זיין אז דער בוכ"ע זאל העלפן איינס נאך דאס אנדערע, אויף יעדען טריט און שריט ברויך מען סייעתא דשמיא, אבער די ערשטע ישועה אז ס'איז למענך אלקינו, אן זכותים, און דערנאך ברויך מען ווייטער הערשט האבן, דער בעל העקידה זאגט, ושב ה' אלקיך דערנאך דעם שטייט נאכאמאל ואתה תשוב, זאגט ער אז די האסט תשובה געטיען, פאר די גאולה הייסט דאס אויך א תשובה, נאך די גאולה וועט מען קומען צום דעת וועט מען זעהן דאס איז גארנישט, מ'ברויך הערשט אויף דאסניי תשובה טון, ממילא ברויך מען נאכאמאל סייעתא דשמיא, נאר דאס צווייטע מאל איז שוין דא עפעס זכותים, אבער דאס ערשטע מאל איז טאקע נאר ואעשה למעני, איבערדעם זאגט מען היינט.

KolSatmar.com

## הושענא למענך אלקינו הושענא

**למענך בוראינו** - די תחיה ווערט אנגערופן א פרישע בריאה, (כדאי' במד"ר) שטייט וייצר אלקים, שתי יצירות אחד לעוה"ז ואחד לעוה"ב, כאטשיג דער זעלבער וועט אויפשטיין, אבער דער בוכ"ע וועט אריינשיינען א פריש חיות, און דאס איז א פרישע בריאה, הגם ס'איז אויסגענומען מתחילת הבריאה אויף צוויי מאל, איז עס דאך א פרישע בריאה, אזוי ווי כ'האב געזאגט דעם ר"ה והנה איל אחר, עס שטייט ביי שאול המלך, ווען ער איז געווען ביי שמואל הנביא, און ער האט אים אריינגעגעבען א רוח אלקים, האט ער אים געזאגט ער איז אן אנדערער, דער מדרש זאגט דאך, ביי ר"ה שטייט ועשיתם, ווייל אז זיי טון תשובה און דער בוכ"ע איז מוחל ווערט מען א בריה חדשה, איבערהויפט ווען מ'זאגט אז ספרי מתים פתוחים לפניו, דאס איז דאך אליין א פרישע און ווי א נייע בריאה, דער בוכ"ע זאל אונז אריינגעבן א רוח טהרה, דאס איז די רעכטע בריאה.

## הושענא למענך בוראינו הושענא

**למענך גואלינו** - אזוי ווי כ'האב פריער געזאגט אז די וועלען אויפשטיין, און דערנאך וועט זיין די גאולה און ביאת בן דוד אלי' וועט נאך קומען מבשר זיין און משה רבינו מיטען דור המדבר, מ'וועט זיך דערזעהן מיט א נייע דור, און דערנאך וועט נאכקומען די גאולה, דאס איז א פשיטות, ווער ס'איז א מאמין אין הקב"ה און אין די תוה"ק, דער ווייסט אז ס'איז נישט פארהאנדען קיין גאולה אויף אן אנדערען אופן, נאר דורך משה רבינו און אליהו הנביא און מלך המשיח, נאר מיט קדושה וטהרה מיט צדקות, אוי לנו שכך עלתה בימינו, אז מענטשען קאנען זיך איינרעדען ח"ו אז מיט א כח המינות מיט הפרת התורה, דאס

KolSatmar.com

קאן זיין א ישועה פאר יודן, מ'זאל וויסען אז דער בוכ"ע איז דער גואל ישראל הוא ולא אחר.

## הושענא למענך גואלינו הושענא

**למענך דורשינו** - דער פסוק זאגט ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה תמיד עיני ה' אלקיך בה, זאגט רש"י פון די חז"ל וכי שאר ארצות אין הקב"ה דורשן, הקב"ה איז דאך דורש, נאר זאגט ער אז דורך דעם וואס ער איז דורש ארץ ישראל, וע"י איז ער דורש אנדערע ארצות, קומט די דרישה פון ארץ ישראל . . . אזוי ווי דער ב"ח זאגט, חלילה וחלילה אז מ'זינדיגט דארטען און מ'איז מטמא את הארץ, איז הקב"ה מסלק די שכינה, איז שולט דערויף דער ס"מ, מיט דעם זאגט ער אפילו אין די פירות איז שורה א טומאה, אזוי ברענגט עס קדושה ווען מ'איז עושין רצונו של מקום, ממילא ווי אזוי זעהט אויס די דרישה, בעהט מען זיך אז דער בוכ"ע זאל מציל זיין דעם כח הקדושה, ער זאל מציל זיין ארצינו הקדושה, אז מ'זאל קאנען זיין דורש אותה.

**בעונינו הרבים** - עס שטייט אין מדרש, אין דור פחות מס' רבוא, דער מדרש זאגט אין קהלת, דור הולך ודור בא, יעדען טאג איז מתים און ווערען נולדין ששים רבוא, א דור איז ששים רבוא, פון וואנעט ווייסט מען א דור איז ששים רבוא, שנאמר אם יראה איש באנשים האלה הדור הרע הזה, דער שיעור פון א דור איז ששים רבוא, בעוה"ר ווי מ'קוקט זיך אהן טאקע בארצינו הקדושה, מ'קוקט אן דארטען דעם חינוך פון תינוקות של בית רבן, איך שמועס שוין נישט פון די, בעוה"ר, וואס אלעס איז גוט, ס'איז אויך א קליינע פראצענט, נאר אפילו לכל הדיעות, לכאורה די אלע, איך רעד נישט פון די וואס זיי קומען מיט א לבוש, זיי האבן מיט א לבוש פון תורה, איז אויך נישטא מער ווי פינעף פראצענט, עכ"פ לויטען חשבון פון סטאטיסטיק, מער ווי

KolSatmar.com

ששים רבוא פון די קינדער ווערען נתחנך מיט כפירה לכל הדיעות, דאס איז א גאנץ דור, ששים רבוא איז א דור, איז מען מיט דעם אליין יוצא א דור שכולו חייב, אז ס'איז ששים רבוא יודן ל"ע אפיקורסים גמורים, וואס זיי גלייבען גארנישט אז ס'איז דא א באשעפער, און מ'הארעוועט אריין צו ברענגען מינות אין די גאנצע וועלט, אוי לנו שכך עלתה בימינו.

**איך** מיין א זאך, אסאך צדיקים זענען נסתלק געווארן פריער, אזוי ווי ס'שטייט אין זוה"ק מפני הרעה נאסף הצדיק, אז ס'קומט נאך א שלעכטע זאך, און מ'וויל נישט ער זאל דאס זעהן, און ס'זאל מגין זיין זכותו, דורך דעם גייט ער אוועק, די גמרא (ב"ק ס') זאגט ונאכל גדיש שכבר נאכל, פרעגט די גמ' אטו כלו האי, אלא טיבותא הוא לגבייהו, זיי זאלן דאס נישט צוקוקען, עס קען זיין, אסאך צדיקים וואס זענען אוועק איצטערט אין די לעצטע יארן, מ'האט זיי אפגעהיטען פונעם הימעל, זיי זאלען נישט צוקוקען אזא ביטערען אסון פארן כלל ישראל, בעוה"ר א גאנץ דור פון קינדער, און דערינטער איז דא אסאך וואס די פעטערן זענען נאך געווען יראי ה', און זיי האבן נאך תחילת געוויינט און געקלאגט אויף דעם, זיי האבען זיך נישט געקאנט העלפן, נאר מיט א צייט ווערן זיי מיטגעריסען מיט מינות און מיט כפירה, און דאס קומט ארויס פונעם מקום הקודש, מ'איז נאך אזוי פארנאַרט, אז ס'איז דא יודן שומרי תורה ומצוות וואס זיי האלטען עס נאך פאר א ישועה לישראל, אוי לנו שכך עלתה בימינו, קאן זיין די פריערדיגע צדיקים העטען דערלעבט ווען אזא מין זאך העטען זיי נישט געווען אויסגעהאלטען, בעוה"ר, שטייט אין בשר המת מרגיש באיזמל, אויף דעם אליין ברויך מען איינרייסען און בעטען ביים באשעפער, חוסה ה' על עמך ועל ארצך! דער עיקר מ'דארף האבן מסינ"פ אויף גידול הבנים צו דער אמונה, מ'זאל אהער שטעלען דורות, וואס זיי גלייבן אין

KolSatmar.com

**באשעפער**, השי"ת זאל אויף אונז רחמנות האבן, ס'זאל פון אונז ארויסקומען א כבוד שמים, מ'זאל מיר נאך זוכה זיין צו זעהן דורות בנים ובני בנים פארן רצון הבוב"ה, דאס קען זיין אונזער רעטונג, ס'זאל אונז רעטען פונעם שפלות, **מ'דארף בעטען דעם באשעפער, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ! ס'איז נישט קיין פשוטע זאך**, ווי אזוי זעהט אויס די דרישה.

**עקסטער** דעם איך זאג עס אסאך מאל נאך, עס שטייט, זיי זאגען דאס אין רש"י, אז די מקומות וואס מ'איז מטמא ווערט איבערגעטרישט, אזוי ווי דער ערבי נחל זאגט אין פרשת שלח, כ'וועל נישט מאריך זיין, קאן זיין אז דער כח פון א"י איז גאר ערגעץ אנדערש, און פון דארט קומט די דרישה, עכ"פ הקב"ה איז דורשינו, און מ'ווייסט נישט פון ווי, מ'ווייסט נישט ווי ער איז, **עס שטייט תמיד עיני ה' אלקיך בה, ס'איז א גרויסער חילוק, אז מ'זינדיגט יענעם אין די אויגען איז גרעסער איז ער א חצוף**, ווי **ווען מ'זינדיגט אינטער די אויגען, ס'איז עיני ה' אלקיך בה, מ'איז מחרף און מגדף, מ'איז מכעים דעם בוכ"ע אין די אויגען**, ווי **אזוי קען מען דאס פארשווייגען**, מ'דארף זיך בעטען צום באשעפער, אלסדינג איז וועגען אונזערע עוונות, דאס איז דער חטא גורם, השי"ת זאל אונז דורש זיין לטובה, דער בוכ"ע זאל שוין העלפן, מ'זאל מיר שוין האבן א שנת גאולה וישועה, א שנת אורה, מ'זאל מיר ארויסגיין דעם הושענא רבא מיט א גוטן חותם, ס'זאל זיין לעכטיג פאר די אויגען, השי"ת זאל אונז העלפן א לעכטיג יאר, ממילא וועט זיין אונזער דרישה לטובה.

## הושענא למענך דורשנו הושענא

**(הקפה א')** למען אמיתך - דוד המלך האט געזאגט, אני אמרתי בחפזי כל האדם כוזב, אויף דעם וואס שמואל הנביא האט אים געזאגט, ווי קען דען זיין אז שמואל הנביא חלילה זאגט

KolSatmar.com

נישט דעם אמת, דוד המלך האט דאס נישט געקאנט קלערען איין רגע, נאר דאס האט געקערט צו די תפלה, אז מ'זאל נישט זאגן חלילה כל האדם כוזב, דאס איז געווען זיין תפלה, אני אמרתי בחפזי, דאס האט דוד המלך געזאגט פארן באשעפער, ער האט מתפלל געווען פארן בוכ"ע אז מ'וועט נאך זאגן חלילה כל האדם כוזב, אונז גלייב מיר אין דעם אמת, השי"ת האט מבטיח געווען... בעוה"ר די נסיונות איז נאך גרויס, וויפיל יודן זענען שוואך מיט דער אמונה, דער בוכ"ע זאל העלפן דער אמת זאל נתגלה ווערען, מ'זאל נישט חלילה זאגן כל האדם כוזב.

## הושענא למען אמיתך הושענא

**איצט** זאגט מען למען בריתך, די גמרא זאגט זכות אבות תמה וברית אבות לא תמה, לכאורה וואס איז דער פשט, לעולם דער פסוק זאגט ממילא, ועושה חסד לאלפים, זאגט ער דאך ועושה חסד לאלפים ביי יעדען, לכאורה ווי קאן זיין תמה זכות אבות, נאר אבער (כ'האב עס שוין דאכט זיך מיר אמאל געזאגט כ'וועל נישט מאריך זיין ס'איז שוין שפעט), פוקד עון אבות ביז פיר דורות איז נאר אוחזין מעשה אבותיהן בידיהן, קען זיין אז דער אליין מוז אויך זיין אוחזין מעשה אבותיהן בידיהן, מ'האט דאך אבער געגעבען א ברית, זיי האבן דאך נישט געדארפט קיין כריתת ברית, ס'וועט אייביג זיין ווייל ס'איז עושה חסד לאלפים, נאר אבער ביי סתם חסד מוז זיין די קינדער זענען אוחזין מעשה אבותֵיהן בידיהן, און דאס כריתת ברית איז אפילו ס'איז נישט אוחזין מעשה אבותיהן בידיהן, איבערדעם איז ברית אבות לא תמה.

## הושענא למען בריתך הושענא

**מ'זאגט** למען ועודך, קען זיין דער פשט, די גמרא זאגט ותהי האמת נעדרת שנעשית עדרים עדרים וכו' קען זיין אז דאס

KolSatmar.com

איז דער פשט (דבהסתר הגדול אין מכירין האמת, ונעשית הרבה עדרים למיניהם, ופרשתי כבר דעל ידי גודל החשכות צריכין להפרד תמיד ולעשות עדר מחדש, אבל כשיהיה התגלות האמת) ס'וועט נתברר ווערן, און דעמאלטץ וועט מען יא זיין אינאיינעם, אויף צו זיין א עקסטער ועד מוז זיין התגלות האמת, דאס איז די תפלה פון למען אמיתך, אז ס'זאל זיין א אמת'דיגער וועד (לעבדו שכם אחד) ס'וועט מער נישט זיין קיין עדרים עדרים.

## הושענא למען ועודך הושענא

**(הקפה ב')** הושענא הר המוריה - והר יראה, דער מדרש (וירא פ' נ"ו, ועיי' תענית ט"ז בתוס'), ברענגט אויף הר המוריה אסאך פשטים, איין פשט איז הר המוריה מ'האט דארט געגעבן די תורה ומשם יוצא הוראה וכו' עיי"ש, לכאורה העקידה היה בירושלים בהר הבית ואין זה הר סיני שנתנה עליו התורה, האב איך געזאגט עס קען זיין פשוט, סיי ווי, סי איז דאך אלעס ע"ש העתיד דעמאלטץ האט מען נאך נישט מקבל געווען די תורה, איבערדעם דער הר סיני איז נקרא אויף לעתיד ווארן מ'וועט עס ברענגען אויפן הר הבית, און דארט וועט מען אויף שטעלען דאס ביהמ"ק, וועט טאקע דער הר סיני זיין דארטן, אז ס'איז על שם העתיד קען ער שוין באשטיין זאגען הר סיני ווארן דארט וועט זיין דער הר סיני, נישט ווי איצטערט ס'איז באהאלטען, ווי מ'זאגט דביר המוצנע, און פון דארט איז דער כח, דארף מען מתפלל זיין אז דאס זאל זיין והר יראה, דעמאלטץ וועט יעדער זעהן אז דארט איז דער הר סיני, דאס וואס איז נמוך מכל ההרים דעמאלטץ וועט עס זיין בגובה, איך וועל שוין נישט מאריך זיין, דער ישמח משה זאגט שוין א טעם דערויף, פארוואס דעמאלטץ וועט עס קענען זיין בגובה, מ'וועט עס ארויפברענגען על כל ההרים, נאר איצטערט איז עס נמוך, איצט מוז עס זיין באהאלטען, אז ס'זאל מציל זיין די דורות,

KolSatmar.com

אזוי זאגט דער ישמח משה וועגען די אמונה, איך וויל נישט מאריך זיין, איבערדעם איז מען מתפלל איצטערט דביר המוצנע דאס איז דער הר המוריה, איצט איז עס איינס, ס'זאל זיין והר יראה, ס'זאל זיך אנזעהן, ס'זאל זיין בגובה, ס'זאל זעהן יעדערער דעם כבוד התורה און דעם כבוד השכינה הקדושה, איצט זענען די נסיונות זייער גרויס, אלעס איז באהאלטען, אפילו צווישען די לבבות בני ישראל אלעס איז באהאלטען, ס'איז דא אסאך יודן וואס טוט זיי וויי דאס הארץ, זיי וואלטן געוואלט זאגן אמת'דיגע דיבורים פארן באשעפער, זיי האבן געוואלט אויסגיסען דאס הארץ פארן בוכ"ע, נאר די גרויסע ביטערע הסתרה, אלעס איז דאך בהסתר בתוך הסתר, בעט מען ס'זאל שוין נישט זיין קיין הסתרה נאר ס'זאל זיין והר יראה.

## הושענא הר המוריה הושענא

(הקפה ג') הושענא דמתה לתמר - עס שטייט אין מד"ר אין פ' במדבר עה"פ צדיק כתמר יפרח, רעכינט ער אויס אסאך זאכן וואס מ'איז אלץ געגלעכינט צו א תמר, צום סוף איינס פון די זאכען זאגט ער וכו' . . . דערנאך זאגט ער א צדיק ווען ער גייט אוועק פון דעם עולם קען מען דאס נישט ערזעצען, אין לו תמורה, שנאמר והחכמה מאין תמצא, והנה ראה הקב"ה שצדיקים מועטין עמד ושתלן בכל דור ודור, דער בוכ"ע האט אריינגעשיקט אין יעדען דור און דאס האט אויף געהאלטען דאס דור, ס'איז אבער דמתה לתמר, זיי זענען אוועקגעגאנגען פון דעם עולם ס'איז געבליבן דאס דור אזוי ווי ס'איז, אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, מ'איז דמתה לתמר, מ'דארף וויסען מ'האב מיר נישט קיינעם נאר דעם בוכ"ע אליין, כ'האב עס שוין אסאך מאל געזאגט אויף וואס די חז"ל האבן געזאגט אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, די גמרא האט דאך אראפגעלייגט די דורות

KolSatmar.com

ווי ס'איז שלעכט, נאר ס'איז ידוע, ווען דער זיידע זכרונו לברכה דער ישמח משה ווען ער איז געגאנגען קיין לובלין, ווען ער איז געקומען דאס ערשטע מאל, האט ער אים געפרעגט א פאר קשיות און ער זאל אים ענטפערן, ער האט אין זין געהאט ס'שטייט הבא לטהר "מסייעין" אותו, ס'שטייט נישט מסייע נאר א לשון רבים ווייל צדיקים העלפן מיט, איבערדעם איז מסייעין לו, איבערדעם ווען די גמרא רעכינט אויס ווי אזוי דאס דור וועט אויסזעהן, **פריער איז געווען א סיוע פון צדיקים, אבער אין דור פון עיקבתא דמשיחא אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים**, איבערדעם בעט מען זיך צום באשעפער, דער צדיק איז דאך מיט דעם דמתה לתמר, אז אין לו תמורה אז מ'האב מיר נישט דער שטאטץ וואס איז געווען אין די פריערדיגע דורות, דער זיידע זכרונו לברכה זאגט אין ייטב פנים (ר"ה דרוש ז') פניתי לימין ואין עוזר לשמאל ואין סומך, ימין עוז מיינט מען די תוה"ק וואס ווערט אנגערופן ימין, אז מ'דארף האבן סייעתא דשמיא, אז מ'זאל עפעס דורך גיין בקיום התורה, איז ואין עוזר האט מען זיך נישט אויף וועמען צו פארלאזען, דאס איז ברוחניות, ובשמאלה עושר וכבוד, דאס איז גשמיות איז ווידער ואין סומך, איבערדעם זאגט מען אז ס'איז דמתה לתמר, **הראשונים הלכו למנוחות ואותנו עזבו לאנחות, עפעס אנדערש איז אונז נישט געבליבן נאר מ'קען מיר קומען צום בוכ"ע, מ'קאן מיר נאר קומען אין ביהמ"ד און בעטען דעם באשעפער**, דורכן בית המדרש קען מיר אונז האבן אלדינגס.

## הושענא דמתה לתמר הושענא

**(הקפה ה')** חידוש פני אדמה - דער טאטע זכרונו לברכה ברענגט אין קדושת יו"ט (בדרושים לסוכות אר"ג ובפ' בהר) בחודש התשיעי באספכם את תבואת הארץ וגו', שטייט אין אוהב ישראל אויף והארץ אזכור, ווי פאלט עפעס אויס די ערד

KolSatmar.com

צו זינדיגען, ס'האט משנה געווען ס'זאל נישט זיין טעם עצו ופריו שוה, נאר מ'האט געזעהן אז יודן וועלען זינדיגען, איבערדעם האט די ערד קודם געזינדיגט, ס'זאל זיין א תירוץ פאר די מענטשען, שנברא עפר מן האדמה, מיט דעם זאגט ער אז דער פשט איז הארץ אזכור אז מ'האט געזינדיגט צוליב די ערד, זאגט דער קדושת יו"ט אזוי ווי דער קדושת לוי זאגט סוכות איז א תשובה מאהבה און זדונות כזכיות, ברויך מען נישט האבן דאס פון די ערד, איבערדעם איז באספכם את תבואות הארץ יעיי"ש.

**איבערדעם** אז דער אייבירשטער העלפט, אז מ'זינדיגט נישט און מ'איז מתקן באקומט די ערד אויך א נייער פנים, ווער ס'איז געווען א בעל חוטא אפילו עס דארף צו זיין . . . אפי' מ'ווייסט דעם אמת, אפילו מ'מיינט לשם שמים, אין הימעל קען מען דאס אויך נישט מזכיר זיין, נאר מ'ברויך עס האבן פאר א לימוד זכות, ממילא ווערט דער חטא פון אדמה אויך פאראכטען, מ'ברויך שוין נישט דעם זכות, זיי ברענגען עס אראפ אז בארץ הקדושה, ס'איז הסתרת פנים, אז מ'זינדיגט ווערט איבערגעטוישט דער כח הארץ, אז דער אייבירשטער העלפן מ'וועט מתקן זיין, וועט צוריק קומען, ס'וועט זיין חשיבות פני אדמה, וכמ"ש למען ירבו ימיכם וגו' על האדמה, עס וועט דעמאלטץ אפיר קומען וואס איז באהאלטן בהסתר, אזוי איז עס אויף זיך אליין אז מ'ווערט נשתנה, דער אייבירשטער זאל העלפן מ'קום מיר אריין אין א נייעם יאר, זאל מיר זיין דבוק אין בוכ"ע, אז מ'זאל נאך מתקן זיין וואס מ'האט פוגם געווען, מ'זאל דינען דעם באשעפער בתורה וביראה ובעבודה, וואס דען איז דער תכלית, **מ'זאל משים אל הלב זיין, אונז גיי מיר ארוים פונעם היינטיגען טאג, עס זאל זיין א חידוש פני האדמה, מ'זאל אליין באקומען אן אנדער פנים** . . . מ'האט דעם צלם אלקים, אזוי ווי מ'זאגט דמות וצלם ורקמה, אז מ'איז מתקן באקומט מען אן אנדערען פנים, דער בוכ"ע זאל העלפן מ'זאל מיר נאך זוכה

KolSatmar.com

זיין מקבל צו זיין פני השכינה, מ'זאל האבן עפעס א פנים מ'זאל ארויסגיין פארן לעבעדיגן באשעפער וועט זיין א נחת רוח אין אלע עולמות אז יודן האבן עפעס אויף געטיען ווען מ'איז אוועקגעגאנגען פון אזא טאג, דער אייבירשטער זאל העלפן אז יודענס תפלות זאלען נתקבל ווערן לרצון, מ'זאל מיר משים אל הלב זיין מ'זאל מיר אריין נעמען אין די הערצער אריין, ממשיך זיין די קדושת היום.

## הושענא חידוש פני אדמה הושענא

**(הקפה ז')** למען והוא לך כסגן באראלי אש - המפרשים פי' דקאי על אהרן הכהן ועבודתו עבודת הקרבנות, והנה **כבר עומדין עתה בסוף היום וברגעים האחרונים של היום, מורי ורבותי! מ'וועל מיר שוין נישט האבן נאך אזא טאג ווי הושענא רבא ביז איבער א יאר, ווער ווייסט וואס ס'וועט נאך דורך אין דעם יאר**, דער אייבירשטער זאל העלפן מ'זאל מיר אוועק גיין זאל מען טאקע עפעס האבן ארויסגעבעטען, אז מ'זאל אוועק גיין דבוק אין די קדושה, אז מ'גייט אוועק פון די ימים קדושים זאל עס בלייבן אויף כסדר, עס שטייט אין ייטב פנים, אם אעברה "נא" אז מ'וויל ס'זאל אוועקגיין די טעג די נ"א יום... אם יש כאן סלח נא איז אין כאן אעברה נא, נא איז די נ"א יום (מר"ח אלול עד הו"ר) אהרן הכהן איז געוועזן האט ער מכפר געוועזן עוונות ישראל מיט קרבנות, ובקרבנותיו הפר כעסך, דערנאך האט ער געהאט דעם... די קרבנות האט מכפר געוועזן אויף יודן, ס'איז געוועזן אהרן הכהן, איבערדעם זאגט מען דאס איז נישט בטל געווארן, די זעלבע עבודה איז נאך היינט אויך, ער דינט ווייטער דעם באשעפער מיט דעם, אליהו איז אויך מגזע אהרן, עס שטייט דאך בפירוש אז ער איז מקריב תמידין ומוספין, דער ישמח משה האט געזאגט ער האט עס געזעהן מיט די אויגען עין בעין, ווי ער איז מלובש בבגדי כהונה און

KolSatmar.com

ער איז מקריב תמידין ומוספין, איבערדעם זעהט מען נאך איצט אויכעט, דאס בלייבט בקביעות, איבערדעם זאגט מען "והוא לך" מ'זאגט נישט אז דאס איז געווען, איבערדעם איז דאס טאקע איצטערט, איצטערט איז מען מקריב אויבען די אלע תמידין ומוספין, מ'ברענגט נאך איצט ווייטער די קרבנות פון אהרן הכהן . . . די עבודה פון אהרן הכהן איז א נצחיות, מ'דארף עס נאר דערוועקען ונשלמה פרים שפתינו, דער אייבירשטער זאל העלפן אז אונז גיי מיר ארויס זאל זיין "והוא לך", מ'גייט נישט אוועק פון דעם טאג, מורי ורבותי ! מ'האב מיר נישט מער ווי געציילטע מינוטען, אז מ'גייט ארויס זאל מען נישט אוועקגיין פון דעם טאג, מ'זאל זיך איינזאפן עפעס קדושה אין די הערצער, ס'זאל זיין "והוא לך" ס'זאל בלייבען אויף כסדר, אזוי ווי די עבודה פון אהרן הכהן, וואס דאס איז מלמד זכות אויף אונז, אז דער בוכ"ע איז זיך מרחם אויף יודן איז דאס אהרן'ס כח, איבערדעם זאגט מען:

**הושענא למען והוא לך כסגן באראלי אש הושענא**

KolSatmar.com